1.10.1946 DOC00540

# א יידישע מדינה - צוליב וואס ?

מחוברת מאמרים שתורגמו לאידיש
בהוצאת התאחדות פועלי ציון .

מאמר ראשון מאת ד.ב.גוריון

מאמר שני מאת ב.כצנלסון

מאמר שלישי מאת משה שערטאק (שרתוק)

וועלט־פאר־יניקונג פועלי־ציון (צ. ס.) - התאחדות.
תשרי תש״ז תל־אביב אוקטובר 1946

# א נייע עפּאָכע אין אונזער פּאָליטישן לעבן

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ נייער עפּאָכע אין אונזער פּאָליטישן לעבן און מיר זיינען אויפגעפּאָדערט געוואָרן איצט פעסטצושטעלן אַ קלאָרן פּאָליטישן ציל פאַר אונזערע אָנשטריינגונגען. ס'איז געקומען צו אַ ווענד־פּונקט אין אונזער גאַנצן לעבן, אַ ווענד־פּונקט אין דער יידישער געשיכטע, אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט, אין דער געשיכטע פון מזרח התיכון און ארץ־ישראל. ס'האָבן אָנגעהויבן פאַלן אַנטשיידונגען און ס'ווערט געשאַפן אַן אַטמאָספער פאַר נייע אַנטשיידונגען. די אַנטשיידונגען לגבי אונז האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1933, מיטן אָנהויב פון היטלערס קרייץ־צוג קעגן אונז. די אַנטשיידונגען קעגן אונז האָבן זיך אָנגעהויבן אין די יאָרן 37—1939, מיטן באַריכט פון דער פּיל־קאָמיסיע און מיטן ווייס־בוך. דאָס זיינען אַלץ געווען פּרובן פון אַנטשיידונגען לגבי אונז. און אָט זיינען מיר צוגעקומען צו אַ נייער שטופּע פון אַנטשיידונגען לגבי אונזער צוקונפט און ס'האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט פאַר אונז אַ נייער בילד — אַ בילד פון שרעקלאַכע יידישע יסורים, וואָס פאָדערן פאַרגעלטונג, וואָס רופן צו היסטאָרישער פאַרגיטיגונג; ס'האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נייער בילד אין דער גאַנצער וועלט — פעלקער וואָס קעמפן פאַר עפּעס גראַנדיעזעס און פעלקער וואָס שטרעבן צו גרויסע לייזונגען פון די פיינלאַכע געזעלשאַפטלאַך־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, און די וועלט ווערט געשליידערט צווישן האָפענונג און יאוש, צווישן דער זיכערקייט אין נצחון דורך דער מלחמה און אַ טיפער מורא פאַרן דורכפאַל דורכן שלום, אבער זי מאַכט אָנשטריינגונגען צו זיגן אויך דורכן שלום, ניט בלויז דורך דער מלחמה, און מיר זיינען אַן אומצוטיילבאַרער גליד פון דער דאָזיגער וועלט — ווי פאַרפייניגטע און צוטראָטענע יידן זיינען מיר אַ טייל פון איר, ווי קעמפנדיגע יידן זענען מיר אַ טייל פון איר. און אָנגעצינדן האָט זיך אַ געפיל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין יידישן פאָלק, אַז דאָסמאָל דאַרף געזאָגט ווערן אַ היסטאָריש וואָרט אין נאָמען פון יידישן פאָלק. און דער היסטאָרישער וואָרט איז ניט עפּעס א נייס — דאָס איז אונזער אידעאַל פון אייביג אָן. ס'זיינען בלויז פאַראַן צייטן וואָס מ'פאַרשטעקט דעם אידעאַל טיף אין האַרצן און אויף דער פּאָליטישער אַרענע זאָגט מען נאָר דאָס וואָס ס'איז צוגעפּאַסט צום פּאָליטישן

מאָמענט; און פאַראַן צייטן, פאַראַן שטופּעס אין די צייטן, וואָס דאַמאָלס מוז מען אַרויסזאָגן דעם אידעאַל. און אויב מ׳זאָגט אים ניט אַרויס — איז פּונקט אַזוי ווי ער איז כלל ניט בנמצא.

די פראַגע וואָס מיר שטייען פאַר איר היינט איז די — אויב די וועלט מיט וועלכער מיר האָבן געקעמפט אַקסל ביי אַקסל און וועמעס איינציגער שטיץ־פּונקט מיר זיינען געווען אין דאָזיגן וועלט־ווינקל — וועט אונז איצט אויסליפערן צו אונזער גורל. קלאָר דאַרף זיין איינס: אויב דאָס יידישע פאָלק וועט זיין הפקר — וועט ער קעמפן אויף אייגענער האַנט. ער וועט ניט אָננעמען קיין לייכטע עצות מכוח פאַלשע פשרות. די לעצטע מלחמה האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ נצחון, ווייל ס׳איז געווען דער וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן צו קעמפן איינער אליין. אויך מיר וועלן אַליין ווייטער־פירן דעם קאַמף, אויב מירן זיין דערצו געצוואונגען. אָבער זאָלן מיר ניט געצוואונגען זיין! מיר ווענדן זיך צו אַלעמען, צו אַלעמען און רופן: העלפט אונז ראַטעווען אונזערע ברידער, ראַטעווען אונז אַליין. שטוירט ניט אָפּ אונזער גאולה!

דאָס יידישע פאָלק פאַרלאַנגט צוריק זיין לאַנד. ער פאַר׳לאַנגט איר ניט כדי אימיצן אַרויסצושטויסן, נאָר כדי צו באַזעצן און אַנטוויקלען. ער פאָדערט איר ניט כדי אימיצן צו פאַרקנעכטן, נאָר כדי אויסצולייזן און אויסגעלייזט צו ווערן. ער פאַרלאַנגט פרייע עליה און אויפבוי אין זיין אייגענער היים, צונויפנעמען פון אומעטום זיינע צעזייטע און צעשפּרייטע ברידער, שלאָגן וואָרצלען אין היימישן באָדן, אייגענעם זעלבסט־שוץ; ער פאַרלאַנגט פרייהייט אויף צונעמען זיין גורל אין אייגענע הענט, רעכט אויף גוטער שכנה׳שאַפט און מעגלאַכקייט פון איינשטעלן כבוד־און־שלום־באַציאונגען מיט אַנדערע; ער פאָדערט גלייכהייט, אומהאָפּהייגיג־קייט, אַ מדינה.

משה שערטאָק